**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/20/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 30 טראנספארמאטיווע פראיעקטן אין דעם הויפטשטאט ראיאן אלס טייל פון שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו און NY FORWARD פראגראמען**

***פראיעקטן אנאנסירט אין קאהאָוס, קעימברידזש, קאַקסעקי און קינדערהוּק***

***געמאלענע בילדער פון דעם פראיעקט'ס דעזיין זענען פארעפנטליכט [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט א סך הכל פון 30 טראנספארמאטיווע פראיעקטן פאר דעם הויפטשטאט ראיאן אלס טייל פון צוויי עקאנאמישע אנטוויקלונג פראגראמען: די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI) און NY Forward (ניו יארק - אויף פאראויס). 11פראיעקטן זענען אנאנסירט געווארן פאר די סיטי אָוו קאהאָוס, די רונדע 6 געווינער פון א 10 מיליאן דאלארדיגע DRI גרענט; פינף פראיעקטן זענען אנאנסירט געווארן פאר קעימברידזש, א רונדע 1 געווינער פון א 2.25 מיליאן דאלארדיגע NY Forward גרענט; זיבן פראיעקטן זענען אנאנסירט געווארן פאר קאַקסעקי, א רונדע 1 געווינער פון א 4.5 מיליאן דאלארדיגע NY Forward גרענט; און זיבן פראיעקטן זענען אנאנסירט געווארן פאר קינדערהוּק, אויך א רונדע 1 געווינער פון א 2.25 מיליאן דאלארדיגע NY Forward גרענט.

"מיר מאכן טראנספארמאטיווע אינוועסטירונגען אין שטאט-צענטער אויפלעבונג באמיאונגען אריבער די סטעיט — איינשפאנענדיג די אייגנשאפטן וואס מאכן יעדע קאמיוניטי אייגנארטיג און עפענענדיג טויערן פון געלעגנהייט פאר איינוואוינער און ביזנעסער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורכן בויען א לעבהאפטיגע און סטאבילע סביבה פאר לאקאלע איינוואוינער, טוהען מיר פארווירקליכן די פאטענציאל פאר אונזערע קאמיוניטיס צו בליהען בשעת'ן באעהרן די היסטאריע און טראדיציעס וואס מאכן זיי ספעציעל."

**שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI)**
די סיטי אָוו קאהאָוס איז אויסגערופן געווארן אלס די הויפטשטאט ראיאן געווינער פון די זעקסטע רונדע פון די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו אין 2023. אלע 11 פראיעקטן וואס זענען אויסגעקליבן געווארן זוכן צו פארזעצן די אויפלעבונג באמיאונגען פון די לעצטע צען יאר אין קאהאָוס דורכן אנטוויקלען די אייגנארטיגע קולטורישע און היסטארישע איינריכטונגען צו ווערן דעם הויפטשטאט ראיאן'ס מוסטער פון א קליינע שטאט פאר קונסט, קולטור און שטאנדהאפטיגע איבערבויאונג: צוציהענדיג נייע איינוואוינער, ביזנעסער און באזיכער.

די נייע אינוועסטירונג צוזאמען מיט פארגאנגענע אינוועסטירונגען וועט שאפן א שטאנדהאפטיגע פלאץ צו קענען אויפלעבן און גיבן נייע צוועקן פאר היסטארישע געביידעס אין די שטאט צענטער און צו ארייננבויען נאך געביידעס אין צווישן די שטייענדע געביידעס צו גיבן וואוינונג געלעגנהייטן פאר מענטשן מיט פארשידענע איינקונפט שטאפלען.

די DRI אינוועסטירונגען זענען טייל פון די גאווערנער'ס אנגייענדע באמיאונגען צו אויפלעבן די עקאנאמיע און ברענגען מער געלעגנהייטן אין דעם הויפטשטאט ראיאן. די DRI ווערט אנגעפירט דורך די סטעיט דעפארטמענט וואס שטעלט צו טעכנישע הילף אזוי ווי יעדע אנטיילנעמנדע קאמיוניטי אנטוויקלט א סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וואס אידענטיפיצירט ספעציפישע פראיעקטן מיט אן אייגנארטיגע חזון פאר די אויפלעבונג פון די שטאט-צענטער געגנט.

די ספעציפישע פראיעקטן וועלכע וועלן פינאנצירט ווערן דורך די DRI שטיצן עטליכע ציהלן און סטראטעגיעס וועלכע זענען אויסגערעכנט אין די קאמיוניטי'ס סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן, ווי צום ביישפיל דאס פארשטערקערן די שטאט'ס אייגנארטיגע געפיהל מיט אן אמת'ע, אויטענטישע ערפארונג וואס וועט אויפטרייבן צוקונפטיגע וואוקס פון זיך אליין און שטיצן אנטוויקלונג וואס נעמט יעדן אריין בשעת'ן ארומנעמען איר שטארקע העריטעדזש און אפשטאמיגע פארשידנארטיגקייט.

קאהאָוס שליסט זיך אן מיט די קאמיוניטיס פון גלענס פאָלס, האדסאן, אלבאני, סקענעקטעדי, טענערסוויל, טראָי און לעיק דזשארדזש וועלכע זענען געווען די הויפטשטאט ראיאן'ס געווינער אין די ערשטע זיבן DRI רונדעס.

די 9.7 מיליאן דאלארדיגע סטעיט אינוועסטירונג אין די פראיעקטן דורך די DRI וועט זיך רעכענען אויף נאך אנדערע רעגירונג און פריוואטע אינוועסטירונגען אזוי ווי די אויפלעבונג פראצעדור מאכט פארשריט און גייט אריין אין שוואונג.

<u>**די 11 סיטי אָוו קאהאָוס DRI פראיעקטן, פאר א סך הכל פון 9.7 מיליאן דאלאר, רעכענען אריין:**</u>

**טראנספארמירן היסטארישע Cohoes Music Hall צו ווערן א קארבאן-נייטראלע געביידע: $950,000**
טראנספארמירן די Cohoes Music Hall צו ווערן א קארבאן-נייטראלע געביידע דורכן מאדערניזירן די HVAC און איינפירן 'דזשיאָו-טערמעל' און ענערגיע-שפארזאמע מאסנאמען צו ערמעגליכן אן אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע, דערמיט פארמערנדיג די באקוועמליכקייט פאר פארזאמלטע, ערפארונג פון מוזיקאנטן און אלגעמיינע פונקציאנירונג.

**איבערבויען די היסטארישע באנק געביידע צו עפענען א נייע לייברערי: $2,486,000**
אויפלעבן די היסטארישע באנק געביידע צו ווערן א נייע קאמיוניטי לייברערי דורכן גיבן עס צופאסן פאר נייע באנוץ, אריינרעכענענדיג אן ADA אריינגאנג, פארבעסערונגען צו די דאך, HVAC פארבעסערונגען און אן איבערגעארבעטע עפנטליכע זאל צו ערלויבן פאר פלעצער צו זיצן און לייענען און פארשנערטע לענדסקעיפינג.

**בבויען א וואוינונג סטרוקטור מיט 18 יוניטס און אויסגעמישטע באניצן: $2,250,000**
בויען א נייע געביידע מיט אויסגעמישטע באניצן אויף 60 Remsen, צולייגנדיג געדיכטקייט פון וואוינונגען און ביזנעס אקטיוויטעט צו די הארץ פון די שטאט-צענטער.

**אויסברייטערן די Cohoes Hotel דורכן בויען 24 וואוינונג יוניטס: $1,500,000**
אויפבויען א דריי-שטאקיגע אויסברייטערונג צו די Cohoes Hotel, פארבינדנדיג די נייע געביידע צו די הונטערשטע זייט פון די רענאוואציע און צולייגנדיג געדיכטקייט צו די הארץ פון די שטאט-צענטער. די געביידע רעכנט אריין א געמיש פון איין- און צוויי-שלאף-צימערדיגע יוניטס מיט א רייע פון איינריכטונגען פאר די איינוואוינער.

**רענאווירן רעסטוראנט/באר פלאץ און דערנעבנדע דרויסנדיגע לאט: $247,000**
רענאווירן די קאמערציעלע אונטערשטע שטאק פון א דריי-שטאקיגע געביידע מיט אויסגעמישטע באניצן צו ווערן א באר און רעסטוראנט מיט א דרויסנדיגע טעראסע, אויפרעכטן די היסטארישע דרויסנדיגע וואנט אויף 38 און Oneida St 40 – 59 און Canvass St 61 און איבערמאכן די דערנעבנדע פארקינג לאט מיט נייע אויספלאסטערונג, וועגן, זיצן, באלייכטונג און פלאנצונגען.

**רענאווירן די היסטארישע Carter געביידע צו ווערן אפארטמענטס און קאמערציעלע פלעצער: $750,000**
רענאווירן די היסטארישע Carter געביידע אויף 57 Remsen Street צו ווערן א פלאץ פאר מערערע ביזנעסער און וואוינונג יוניטס מיט פריוואטע איינריכטונגען. רענאוואציעס רעכענען אריין רייניגונג פון אסבעסטאָוס, נייע HVAC, פאררעכטונגען פון דרויסנדיגע ווענט און די דאך און אינערליכע איבערבויאונגען.

**רענאווירן מערערע ביזנעס פלעצער און וואוינונג יוניטס: $448,000**
רענאווירן א דריי-שטאקיגע, ליידיגע געביידע מיט אויסגעמישטע באניצן אויף Remsen Street צו מאכן פלאץ פאר 7-8 נייע וואוינונג יוניטס און 2-5 געשעפטן. דאס רענאווירן די אינערליכע חלקים און איבערמאכן די מעכאנישע, עלעקטרישע און פלאמבינג סיסטעמען מיט עטליכע שיינקייט פארבעסערונגען וועלן פירן צו געלעגנהייט פאר האוזינג און ביזנעס אינערהאלב די ביזנעס צענטער.

**רענאווירן דריי יוניטס אינערהאלב א וויכטיגע היסטארישע געביידע מיט אויסגעמישטע באניצן: $244,000**
רענאווירן די צוויי אויבערשטע שטאק העכער די Smith's אינערהאלב די דריי-שטאקיגע געביידע מיט אויסגעמישטע באניצן אויף 171 Remsen Street. דאס איבערמאכן די דריי יוניטס מיט צעווארפענע אינערליכע חלקים ציהלט צו פארגרעסערן די צאל האוזינג לענגאויס קאהאָוס'ס ביזנעס גאס.

**אויסברייטערן עפנטליכע קונגסט דורך די שאפונג פון געפארבטע ווענט און סקולפטורן אין די הארץ פון די שטאט-צענטער: $100,000**
באצאלן פאר- און שאפן א סעריע פון געפארבטע ווענט און אזוי אויך פאבריצירן און אינסטאלירן אן אייגנארטיגע זאמלונג פון מאסטאדאן סקולפטורן אריבער די שטאט-צענטער — סיי פארשענערנדיג די אויפגעבויטע סביבה און ציהענדיג פיסגייער.

**מאכן וועגווייזנדע שילדן און ברענדינג אריבער די שטאט: $125,000**
מאכן וועגווייזנדע און ברענדינג סטראטעגיע פאר קאהאָוס'ס שטאט-צענטער וואס קוקט אויס איינהייטיג גראפיש און מיט די מאטעריאל דורכן דעזיינען און אינסטאלירן שילדן וואס קענען געענדערט ווערן און אריינציהענדע מוזיקאלישע עלעמענטן ביי צענטראלע לאקאציעס.

**אוועקשטעלן א קאהאָוס קליינע פראיעקטן קאסע: $600,000**
אויפשטעלן א קליינע פראיעקט קאסע צו אפפערן צוריקצאלונג-באזירטע גרענטס צו שטיצן קליינע ביזנעסער, שיינקייט פארבעסערונגען און פארבעסערונגען פון דרויסנדיגע ווענט. די שטאט'ס אפיס פון קאמיוניטי און עקאנאמישע אנטוויקלונג (Office of Community and Economic Development) וועט אנפירן און אויפזעהן די קאסע, אוועקשטעלנדיג תנאים צו באשטימען ווער עס איז בארעכטיגט וואס פארלאנגט 50% 'מעטשינג פאָנדס' פון א פריוואטע ספאנסאר.

**NY Forward**
ארויפבויענדיג אויף די שוואונג פון די סטעיט'ס ערפאלגרייכע שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI), נעמט דער 100 מיליאן דאלארדיגער NY Forward

פראגראם אין די זעלבע "אומר ועושה" סטראטעגיע ווי די DRI צו שטיצן א מער גלייכע ערהוילונג פון שטאטישע צענטערן אין ניו יארק'ס קלענערע קאמיוניטיס און אזעלכע וועלכע זענען ווייטער ארויס פון שטאט. NY Forward אינוועסטירונגען זענען טייל פון די גאווערנער'ס אנגייענדע באמיאונגען צו אויפלעבן די עקאנאמיע און ברענגען מער געלעגנהייטן אין דעם הויפטשטאט ראיאן.

**<u>די זיבן קאַקסעקי NY Forward פראיעקטן, פאר א סך הכל פון 4.5 מיליאן דאלאר, רעכענען אריין:</u>**

**טראנספארמירן 14 S. River St. צו ווערן באזיכער צענטער און מוזעאום: $1,186,000**
איבערבויען 14 S. River St. צו ווערן א באזיכער צענטער און מוזעאום, אריינרעכענענדיג א קאמיוניטי פלאץ פאר מערערע צוועקן און אזוי אויך די צוגאב פון עפנטליכע בית הכסא'ס פאר באזיכער צו די שטאט-צענטער און ריווערסייד פארק.

**אויפרעכטן Dolan Block פאר איבערבויאונג פאר אויסגעמישטע באניצן: $1,000,000**
איבערבויען די היסטארישע Dolan Block געביידע צו אקאמאדירן פלאץ פאר ביזנעס אויף די ערשטע שטאק און אומגעפער 10 וואוינונג יוניטס אויף די אויבערשטע שטאקן.

**אויפלעבן 5-7 Mansion St. פאר אויסגעמישטע באניצן: $700,000**
איבערבויען די היסטארישע סטרוקטור אויף 5-7 Mansion St. צו אקאמאדירן קאמערציעלע ריטעיל און/אדער עסנווארג סערוויס געשעפטן אויף די אונטערשטע שטאק און צו צושטעלן מערערע וואוינונג יוּניטס צו פארדינגען אויף די אויבערשטע שטאקן.

**בויען אפאָרדעבעל האוזינג פאר ארטיסטן ביי געוועזענע פובליק ארבעט לאקאציע: $500,000**
אויפבויען אן אפאָרדעבעל האוזינג דעוועלאפמענט פאר אויסגעמישטע באניצן און פאר מענטשן מיט פארשידענע איינקונפט שטאפלען אויף די ווילעדזש'ס פובליק ארבעט לאקאציע, קאנצענטרירט אויף ארטיסטן. דער פראיעקט וועט אריינרעכענען א פארשענערטע אויסקוק פון די גאס און סיי וועלכע נויטיגע רייניגונג פון פארפעסטיגטע שטחים.

**שאפן א קונסט, עסנווארג און מוזיק זאל אויף 1 Reed St: $74,000**
אינסטאלירן א קאמערציעלע קיך און מאכן אינערליכע און דרויסנדיגע פארבעסערונגען צו די געביידע אויף 1 Reed St. צו אקאמאדירן א זאל פאר קאמיוניטי קונסט פארשטעלונגען, לעבעדיגע מוזיק פארשטעלונגען און ספעציעלע אויסשטעלונגען.

**אינסטאלירן עקוויפּמענט צו פארבעסערן סעלפאָון סערוויס אין שטאט-צענטער פון קאַקסעקי: $240,000**
אינסטאלירן עקוויפּמענט העכער 46 Reed St. צו ברענגען דעקונג פון סעלפאָון סערוויס פאר איינוואוינער און באזיכער פון קאַקסעקי'ס שטאט-צענטער.

**פארבעסערן פיסגייער אינפראסטרוקטור אין שטאט-צענטער: $800,000**
דעזיינען און בויען גאס און טראטואר אינפראסטרוקטור צו פארבעסערן פארבינדונג און זיכערהייט פאר פיסגייער אין די שטאט-צענטער, אריינרעכענענדיג א פארבעסערטע אריינגאנג טויער, און אריינבויענדיג גרינע אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען צו אדרעסירן שאדן פון שטורעם וואסער.

**<u>די פינף קעימברידזש NY Forward פראיעקטן, פאר א סך הכל פון 2.25 מיליאן דאלאר, רעכענען אריין:</u>**

**אויסברייטערן די קעימברידזש פובליק לייברערי: $736,000**

בויען א נייע אריינגאנג מיט א צוגענגליכע לאבי, קאמיוניטי באגעגענישן צימער, פלאץ צו איבערלאזן ביכער, לאקאלע היסטאריע אויסשטעלונג, ביכער פארקויפונג פלאץ און צימער פאר דעם Farm2Library פראגראם און אזוי אויך אויפרעכטן די דרויסנדיגע דאך סטרוקטור.

**איבערבויען די Red Barn און אוועקשטעלן די 'אַול קיל' טרעיל אריינגאנג און קאמיוניטי פארק: $347,000**
אויפלעבן די געוועזענע האלץ יארד דורכן איבערבויען די Red Barn פאר ביזנעס באנוץ, אינסטאלירן וועגן צו גיין צופיס און א פארקינג לאט מיט EV טשארדזשינג און ערזעצונג פון צוויי פארלאזטע געביידעס מיט אן עפנטליכע פארק און 'אַול קיל' טרעיל אריינגאנג.

**אויסברייטערן די Cambridge Food Co-Op קאמיוניטי קיך: $375,000**
בויען א צוגאב צו די Cambridge Food Co-Op געביידע צו אויסברייטערן די קיך און מאכן נאך פלאץ פאר סטארטעדזש, ריטעיל און רעסטוראנטן, און אזוי אויך אריינגעמען קאכן קלאסן און קאמיוניטי באנוץ.

**אויפרעכטן די אַול קיל וואסער שטרוים און פארבעסערן ארומיגע פארק איינריכטונגען: $350,000**
אויפרעכטן די ברעגעס פון די אַול קיל וואסער שטרוים צו פארמערן זיכערהייט און צוטריט, באזונדערס לענגאויס די טייל וואס לויפט אריבער אין ווארא פארק, מיט פלאנירונג ארבעט זיך אויך ציהענדיג אריבער די האלץ יארד שטח.

**איבערבויען די 18 West Main St. צו אויפרעכטן רענט האוזינג: $442,000**
איבערבויען די פייער-געשעדיגטע סטרוקטור אויף 18 West Main St. צו אקאמאדירן אומגעפער 4 וואוינונג יוּניטס צו פארדינגען.

<u>**די זיבן קינדערהויף NY Forward פראיעקטן, פאר א סך הכל פון 2.25 מיליאן דאלאר, רעכענען אריין:**</u>

**אויפרעכטן די היסטארישע Bandstand און אינסטאלירן עפנטליכע בית הכסא'ס: $220,000**
אויפרעכטן די היסטארישע Bandstand מיט ADA צוגענגליכקייט און בויען ADA-נאכקומענדע עפנטליכע בית הכסא'ס.

**אויסשטעלן פונדאסנייו און פארבעסערן ראטערמאל פארק: $825,000**
מאדערניזירן ראטערמאל פארק צו אריינרעכענען נייע שפילארט עקוויפמענט, ספארטס פעלדער און אנדערע איינריכטונגען אויפן לאקאציע.

**אויפלעבן די Old Pharmacy: $272,000**
סטאביליזירן און פאררעכטן די Old Pharmacy געביידע וואס געפונט זיך אויף א פראמינענטע ווינקל פון Chatham St. און Albany Ave. צו אקאמאדירן קאמערציעלע באנוץ אויף די אונטערשטע שטאק און וואוינונג אפארטמענטס צו פארדינגען ווערן העכער דעם.

**פארבעסערן פיסגייער און ביציקליסט אינפראסטרוקטור אויף Albany Ave.: $467,000**
מאכן פארבעסערונגען לויט די שיטה פון "גאנצע געסער" לענגאויס Albany Ave. צו פארמערן באקוועמליכקייט און זיכערהייט פאר פיסגייער און ביציקליסטן וואס פארן צווישן די אלבאני-האדסאן עלעקטרישע טרעיל און די הארץ פון די ביזנעס דיסטריקט.

**אינסטאלירן א פיסגייגער וועג פאר די קאמיוניטי ביי די Vanderpoel House: $100,000**

שאפן א פיסגייער וועג פאר קאמיוניטי פארוויילונג אריבער די House of History פראפערטי, פארבינדנדיג די אלבאני-האדסאן עלעקטרישע טרעיל צו Broad St.

**אינסטאלירן באלייכטונג ביי די ווילעדזש סקוועיר: $62,000**
אינסטאלירן נייע באלייכטונג לענגאויס Broad St. און אויפרעכטן דרויסנדיגע באלייכטונג ביי די ווילעדזש סקוועיר.

**קליינע פראיעקטן קאסע: $304,000**
אוועקשטעלן א קליינע פראיעקטן קאסע צו אונטערנעמען א רייע פון קלענערע רענאוואציע און דרויסנדיגע געביידע וועגט פארבערסערונגען פאר פלעצער פון ביזנעס און אויסגעמישטע באניצן אין געביידעס אין די שטאט-צענטער.

**צייטוויייליגער ניו יארק סעקרעטערי אָוו סטעיט, ברענדען סי. הױס, האט געזאגט,** "קאהאָוס, קעימברידזש, קאַקסעקי און קינדערהוּק האבן אלע צוזאמגעשטעלט אמביציעזע פלענער צו טראנספארמירן זייערע קאמיוניטיס, און די פלענער ווערן יעצט אויסגעפירט דורך די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו און NY Forward פראגראמען. מיר זענען באגייסטערט צו זעהן זייער חזון באקומענדיג א צורה דורך די פראיעקטן וואס וועלן צולייגן גאר-נויטיגע עפנטליכע איינריכטונגען, האוזינג און קולטור צו יעדע קאמיוניטי פאר איינוואוינער פון וועלכע צו געניסן פאר פילע יארן אין די צוקונפט."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָפּ נייט, האט געזאגט,** "די גרענטס וועלן נעמען די קערנדלעך פון סטראטעגישע פלענער און זיי איינפלאנצן צו ווערן פראיעקטן וואס וועלן פיטערן די הויפטשטאט ראיאן קאמיוניטיס, זייערע איינוואוינער און באזיכער. אנגעהויבן פון פונדאסנײ אויסשטעלן היסטארישע געביידעס ביזן שאפן שטאנדהאפטיגע און לעבהאפטיגע וואוינונג, ביזנעס, קולטורישע און דרויסנדיגע פלעצער, טוט ניו יארק סטעיט אינוועסטירן קאמיוניטי-אנגעפירטע געדאנקען וואס וועלן זיין פרוכטבאר מיט א גרויסע השפעה."

**האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער רוט-ען וויסנאָסקעס האט געזאגט,** "די 16 מיליאן דאלאר אין DRI און NY Forward אינוועסטירונגען וועלכע זענען היינט אנאנסירט געווארן וועלן האבן א טראנספארמאטיווע השפעה אויף קאהאָוס, קאַקסעקי און קעימברידזש, שאפנדיג איבער 60 נייע אפּארטמענטס און פארמערן די לעבהאפטיגקייט פון יעדע קאמיוניטי מיט נייע עפנטליכע איינריכטונגען. דורכן ציהלן הילפס-מיטלען פאר פראיעקטן וואס ווערן אידענטיפיצירט אלס פריאריטעטן דורך לאקאלע פירער, קענען די גרענטס העלפן דירעקט אדרעסירן די באדערפענישן פון לאקאלע רעגירונגען, בענעפיטירנדיג איינוואוינער און באזיכער צוגלייך. מיר באדאנקען גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדע קאנצענטראציע צו אויפלעבן קאמיוניטיס אין יעדן ראיאן פון ניו יארק."

**CREDC קאָו-טשעירס, רוּט מעהאָוני, עקזעקיוטיוו וויצע פרעזידענט, פרעזידענט פון פארמעגנס פארוואלטונג און ראיאנישע פרעזידענט פון NBT Bank, און דר. האווידאן ראדריגעז, אלבאני אוניווערסיטעט פרעזידענט, האבן געזאגט,** "אזוי ווי דער הויפטשטאט ראיאן וואקסט אין פאפולעריטעט, ציהענדיג פארגעשריטענע אינדוסטריעס און אנדערע ניי-געקומענע צו די געגנט, זענען מיר דערפרייט צו שטיצן פלענער צו בויען אפילו מער לעבהאפטיגע פלעצער פאר מענטשן צו פאררופן א היים. די DRI און NY Forward פינאנצירונג פאר קאהאָוס, קעימברידזש, קאַקסעקי און קינדערהוּק וועלן ערלויבן קאמיוניטי-געטריבענע געדאנקען פאר מערערע פראיעקטן – פון קונסט און פארקס ביז רעסטוראנטן און האוזינג – צו ווערן א באגייסטערנדע מציאות."

**ווילעדזש אָוו קעימברידזש מעיאר קארמען באָוגעל האט געזאגט,** "א דאנק גאווערנער האקול און אלע אונזערע פארשטייער. אין נאמען די ווילעדזש אָוו קעימברידזש, בין איך באגייסטערט ביז גאר צו האבן

אונזער ענדגילטיגע אויסגעקליבענע פראיעקטן הייַנט אנאנסירט. מיר קוקן ארויס צו אנהויבן די ארבעט צו מאכן די פראיעקטן פאר א מציאות. א דאנק פאר יעדן וואס האט געארבעט מיט אונז אין לויף פון די פארגאנגענע יאר פאר די וואונדערבארע געלעגנהייט צו אינוועסטירן אין אונזער קאמיוניטי."

**ווילעדזש אָוו קינדערהוּק מעיאר דארין ווייער האט געזאגט,** "די ווילעדזש אָוו קינדערהוּק קוקט שוין ארויס צו דעם היינטיגן טאג פאר א היבשע צייט. מיר זענען אינגאנצן דערפרייַדט און באגייסטערט צו ארויסלאזן די פראיעקטן אויפן וועג. א דאנק פאר די גאווערנער'ס אפיס פאר די געלעגנהייט."

**סיטי אָוו קאהאָוס מעיאר וויליאם קילער האט געזאגט,** "אין לויף פון דעם פארגאנגענעם יאר האט אונזער קאמיוניטי געארבעט צוזאמען צו אידענטיפיצירן און אויסוועהלן פראיעקטן צו רעקאמענדירן פאר די גאווערנער צו באקומען פינאנצירונג דורך די גאר באגערטע 10 מיליאן דאלאר שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו. די היינטיגע אנאנס צייכנט אפ די קומענדיגע גרויסע טריט ביים טראנספארמירן אונזער שטאט-צענטער, און מיר זענען באגייסטערט צו אריינגראבן די שאוולען אין די ערד ווי שנעלער מעגליך."

**טאון אָוו קאַקסעקי מעיאר מארק עוועגס האט געזאגט,** "די ווילעדזש אָוו קאַקסעקי איז גאר דאנקבאר פאר די פארשריט אויף די טראנספארמאטיווע פראיעקטן. מיר קוקן ארויס צו אנהויבן די ארבעט ווי שנעלער מעגליך צו טרייבן עקאנאמישע אנטוויקלונג אריבער אונזער קאמיוניטי."

DRI און NY Forward קאמיוניטיס זענען אויפגעקומען מיט סטראטעגישע איינפירונג פלענער (Strategic Implementation Plan, SIP) וואס שטעלט אוועק א חזון פאר די צוקונפט פון זייער שטאט-צענטער און אידענטיפיצירט און רעקאמענדירט א שורה פון ערגענצנדע, טראנספארמאטיווע און אויספירבארע פראיעקטן וואס שטיצן דעם חזון. די SIP'ס ווערן געוויזן די וועג דורך א לאקאלע פלאנירונג קאמיטע (Local Planning Committee, LPC) וואס באשטייט פון לאקאלע און ראיאנישע פירער, פארמישטע קערפערשאפטן און קאמיוניטי פארטרעטער, מיט די הילף פון א באשטימטער ראטגעבער און פון די DOS איינגעשטעלטע — אלע פון וועלכע פירן דורך ברייטע באמיאונגען צו ארבעטן מיט- און הערן פון די קאמיוניטי ביים באשטימען וועלכע פראיעקטן צו אויסוועהלן.

**איבער די שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו און NY Forward**

די שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI) און NY Forward זענען צענטראלע עלעמענטן פון די סטעיט'ס עקאנאמישע אנטוויקלונג פאליסי. די שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו איז אוועקגעשטעלט געווארן אין 2016 צו פארשנעלערן און פארברייטערן די אויפלעבונג פון שטאטישע צענטערן און געגנטער אין אלע צען ראיאנען פון די סטעיט צו דינען אלס צענטערן פון אקטיוויטעט און טרייב קרעפטן פאר אינוועסטירונג. NY Forward איז אוועקגעשטעלט געווארן אין 2022 צו אויפלעבן קלענערע און שטעטלישע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט כדי אלע קאמיוניטיס זאלן קענען בענעפיטירן פון די סטעיט'ס אויפלעבונג באמיאונגען, אפגעזעהן פון גרויסקייט, כאראקטער, געברויכן און שוועריגקייטן. אנגעפירט דורך די סטעיט דעפארטמענט – מיט הילף פון עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט, האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל און די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט – באנוצן זיך די DRI און NY Forward מיט א פרעצעדענטלאזע און שעפערישע "אומר ועושה" סטראטעגיע וואס פארט צוזאם סטראטעגישע פלאנירונג מיט באלדיגע אויספירונג. ביידע פראגראמען שאפן א שטאפל פון לעבהאפטיגקייט אין שטאט-צענטערן אין יעדן ראיאן פון די סטעיט וואס פארשטערקערט עקאנאמישע אנטוויקלונג, שטופט פאר א העכערע קוואליטעט פון לעבן, פלעגט געזעלשאפטליך-עקאנאמישע אנטוויקלונג און ערגרייכט די סטעיט'ס אמביציעזע קלימאט ציהלן.

אין די ערשטע זיבן רונדעס פון די DRI האט די סטעיט פארשפראכן 800 מיליאן דאלאר צו אינוועסטירן אין 81 שטאט-צענטערן וועלכע זענען רייף צו אויפגעלעבט ווערן און וועלכע האבן די פאטענציאל צו ווערן ווי א מאגנעט צו צוציהען נייע דעוועלאפמענטס, ביזנעס, דזשאבס, מער עקאנאמישע און האוזינג פארשידנארטיגקייט און געלעגנהייטן. אין די ערשטע צוויי רונדעס פון די NY Forward האט די סטעיט פארשפראכן 200 מיליאן דאלאר צו אינוועסטירן אין 43 קלענערע און שטעטלישע שטאט-צענטערן.

מיט די גאווערנער'ס צוזאג דאס יאר פון נאך 100 מיליאן דאלאר סיי פאר די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו און סיי פאר NY Forward, האט די סטעיט יעצט שוין אינוועסטירט א סך הכל פון 1.2 ביליאן דאלאר איןביידע פראגראמען זינט זיי זענען אוועקגעשטעלט געווארן, באדינענדיג 124 קאמיוניטיס צוזאמען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן